9 און דוד זאָגט:
זאָל זייער טיש ווערן צו אַ נעץ, און צו אַ
פֿאַנגמיטל, און צו אַ שטרויכלונג, און אַ
10 פֿאַרגעלטונג צו זיי; זאָלן זייערע אויגן פֿינס־
טער ווערן, נישט צו זען, און זייער רוקן
בויג אַלעמאָל אַראָפּ. (תהלים סט, כג־כד)
11 דעריבער זאָג איך, האָבן זיי דען געשטרויכלט,
כדי זיי זאָלן פֿאַלן? חס ושלום! נאָר דורך זייער
איבערטרעטונג איז די ישועה געקומען צו די
12 גוים, כדי זיי אייפֿעריק צו מאַכן. אָבער אויב זייער
איבערטרעטונג איז געוואָרן דאָס עשירות פֿון דער
וועלט און זייער היזק דאָס עשירות פֿון די פֿעלקער,
וויפֿל מער זייער פֿולקייט!
13 איך זאָג אָבער צו אייך גוים, אויף וויפֿל איך
בין דער שליח צו די גוים—איך פֿאַרהערלעך
14 מיין עבודה—אויב איך זאָל נאָר קענען ווי עס איז
אייפֿעריק מאַכן די, וואָס זענען מיין פֿלייש (און בלוט)
15 און ראַטעווען אַ טייל פֿון זיי. וואָרום אויב זייער
פֿאַרוואָרפֿן ווערן איז די (סבה פֿון) פֿאַראיינבאַרונג
פֿאַר דער וועלט, וואָס וועט שוין זיין זייער אויפֿגע־
16 נומען ווערן, אויב נישט לעבן פֿון די טויטע? און
אויב די תרומה איז הייליק, איז דאָס טייג אויך
הייליק; און אויב דער וואָרצל איז הייליק, זענען
17 די צווייגן אויך הייליק. און אויב אייניקע פֿון די
צווייגן זענען אָפּגעבראָכן געוואָרן, דו אָבער, זייענדיק
אַ ווילדער איילבירט־בוים, ביסט צוגעזעצט געוואָרן
צווישן זיי און ביסט געוואָרן מיט זיי אַן אַנטייל־
נעמער פֿונעם וואָרצל פֿון דעם איילבירטבוים און
18 זיין פֿעטקייט, באַרים זשע דיך נישט קעגן די
צווייגן; באַרימסטו דיך אָבער שוין יאָ, (געדענק
זשע, אַז) נישט דו טראָגסט דעם וואָרצל, נאָר דער